# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן
דורך בני אמונים

תשפ"א | פרשת וירא | 355

## מאוצרות אמונים
## פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### א תפילה וואס שטארקט זיך מער און מער

**"וַיַּעַן אַבְרָהָם וַיֹּאמַר הִנֵּה נָא הוֹאַלְתִּי לְדַבֵּר אֶל ה' וְאָנֹכִי עָפָר וָאֵפֶר"** (יח כז)

**דער 'תפארת שלמה' שרייבט:**

בעפאר א מענטש שטעלט זיך דאווענען דארף ער זיך מתבונן אין גדלות הבורא אקעגן זיין אייגענע שפלות, אבער בשעת'ן דאווענען דארף ער זיך מתחזק זיין, אז טראץ זיין שפלות איז זיין תפילה באוויליגט פארן אייבערשטן. אזוי ווי דער וואס בויעט א הויז; בעפאר ער בויעט דארף ער גראבן טיף אין די ערד צו קענען שטעלן שטארקע יסודות, און נאר נאכדעם קען ער אויף די יסודות בויען א הויכע געביידע.

דאס קען מען זיך אפלערנען פון די הנהגה פון אברהם אבינו עליו השלום; דערנאך וואס ער האט אנגעהויבן זיין תפילה מיט די ווערטער: "ואנכי עפר ואפר", האט זיך זיין תפילה געשטארקט: "אולי יחסרון חמשים הצדיקם חמשה; אולי ימצאון שם ארבעים... שלשים...עשרים...", ביז "עשרה".

'תפארת שלמה' שער התפלה ד"ה מזמור שיר

### א תפילה וואס דרייט איבער רשעים אויף צדיקים

**"וַיֹּאמֶר אַל נָא יִחַר לַה' וַאֲדַבְּרָה אַךְ הַפַּעַם אוּלַי יִמָּצְאוּן שָׁם עֲשָׂרָה וַיֹּאמֶר לֹא אַשְׁחִית בַּעֲבוּר הָעֲשָׂרָה"** (יח לב)

א איד וואס האט אסאך געזינדיגט פאר הקב"ה האט געוואלט תשובה טון איז געקומען צום **טריסקער מגיד** און געבעטן א תיקון פאר זיין נפש. דער מגיד האט אים נישט געוואלט אויפנעמען, ווען ער ציטירט פאר אים די ווערטער וואס שטייט אין גמרא (ב"ב ד א): "עבדי בישא בתר דעבדין מתמלכין" - רשעים נאך וואס זיי זינדיגן קומען זיי בעטן א עצה. **רבי יעקב צבי פון פאריסוב**, האט אים יא אויפגענומען בסבר פנים יפות, און האט עס געגעבן צו פארשטיין: עס איז נישט אונזער אויפגאבע זוכן צדיקים, נאר דאווענען אויף די זידיגע זיי זאלן תשובה טון; אזוי ווי מיר זען ביי אברהם אבינו וואס האט געזוכט 'צדיקים' אין סדום - און האט נישט געטראפן. דאקעגן משה רבינו וואס האט געדאווענט (במדבר יד יט): "סלח נא לעון העם הזה", איז אים יא געלונגען, אזוי ווי עס שטייט (שם כ): "ויאמר ה' סלחתי כדברך".

'חסידים מספרים' ח"א עמ' 15

### 'המתפלל על חברו' - לכתחילה

**"וַה' פָּקַד אֶת שָׂרָה כַּאֲשֶׁר אָמָר וַיַּעַשׂ ה' לְשָׂרָה כַּאֲשֶׁר דִּבֵּר"** (כא א)

### ענטפערן אמן ברענגט א רפואה

**"וַיֵּרָא אֵלָיו ה' בְּאֵלֹנֵי מַמְרֵא וְהוּא יֹשֵׁב פֶּתַח הָאֹהֶל כְּחֹם הַיּוֹם"** (יח א)

"לבקר את החולה" (רש"י, ע"פ סוטה יד א)

**כ"ק אדמו"ר מבריזדאוויץ שליט"א זאגט:**

עס איז באוואוסט פון ספרים הק' (ראה 'אמרי אהרן' בשלח) אז ענטפערן אמן איז ממשיך א רפואה פארן מענטש, סיי רפואת הנפש און סיי רפואת הגוף. דער ענין איז מרומז אין דער נאמען פון דער פלאץ וואו הקב"ה האט זיך באוויזן צו באזוכן אברהם אבינו זייענדיג קראנק - "אלני ממרא". 'אלני' איז בגימטריה 'אמן'. 'ממרא' איז בגימטריה 'רפא'.

### 'אמן' - א סגולה אויף נשיאות חן

**"וַיֹּאמַר אֲדֹנָי אִם נָא מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ אַל נָא תַעֲבֹר מֵעַל עַבְדֶּךָ"** (יח ג)

**זאגט רבי נח גד וויינטרויב:**

"אִם נָא מָצָאתִי" איז ראשי תיבות 'אמ"ן' [און אויך אין די ווערטער **"אם נא"** ליגט באהאלטן די ווארט 'אמן']. מיט דעם האט די תורה מרמז געווען אז דער וואס איז מקפיד אויף ענטפערן אמן איז זוכה צו געפינען חן אין די אויגן פון ה', אויך אויב ער האט חלילה געזינדיגט, אזוי ווי די חכמים זאגן (תיקו"ז דף מ א): "העונה אמן בכל כוחו קורעין לו גזר דינו של שבעים שנה".

עס זענען דא וואס טייטשן אויס דער פסוק ווי א הוראה אויף די קומענדיגע דורות: "ויאמר א-דני" - ווען דו וועסט הערן א מענטש זאגט א ברכה מיטן אייבערשטנ'ס נאמען, "אם נא מצאתי" - ענטפער נאך אים אמן.

'נועם חן' [לרנ"ג וויינטרויב] עמ' ה; 'ויתילדו על משפחותם' עמ' רצה

"סמך פרשה זו לכאן, ללמדך שכל המבקש רחמים על חבירו והוא צריך לאותו דבר, הוא נענה תחילה" (רש"י).

**רבי יעקב חיים סופר**, ראש ישיבת 'כף החיים', איז אנגעפרעגט געווארן: איינער וואס דארף צוקומען צו א ישועה אין א געוויסע ענין און ער ווייסט אז זיין חבר נויטיגט זיך אויך אין א ענליכע ישועה, צי לכתחילה זאל ער דאווענען אויף זיין חבר כדי ער זאל פריער געהאלפן ווערן, אדער קען זיין אז דער כלל איז נאר געזאגט געווארן פאר דער וואס טוט אזוי מיט א תמימות, אזוי ווי די תפילה פון אברהם אויף אבימלך?

און האט געענטפערט: פון די ווערטער פון רבי עקיבא אייגער זעט אויס אז אויך לכתחילה קען מען זיך אזוי פירן, ווייל אזוי שרייבט ער פאר איינער פון זיינע אנפרעגער: "און דאס וואס איך זעה פון דיין בריוו אז דו ביזסט נישט אינגאנצן געזונט ל"ע, אויך איך געפון זיך אין די זעלבע שרעק, **און איך טוה אייך ראטן א רפואה** אויב עס איז נישט שווער, זאלט איר מיך אינזין האבן ביים דאווענען, און ביי אייך וועט מקוים ווערן: 'כל המתפלל על חברו הוא נענה תחילה'".

'זרע חיים' סי' ט אות ב; 'משפטי רבי עקיבא איגר' עמ' קכח

### "באשעפער העלף מיר!"

**"וַיְהִי בָּעֵת הַהִוא וַיֹּאמֶר אֲבִימֶלֶךְ וּפִיכֹל שַׂר צְבָאוֹ אֶל אַבְרָהָם לֵאמֹר אֱלֹקִים עִמְּךָ בְּכֹל אֲשֶׁר אַתָּה עֹשֶׂה"** (כא כב)

**רבי איצאל'ע פון וואלאזשין ערקלערט:**

אבימלך האט ארויסגעברענגט זיין התפעלות פון דעם וואס "אלקים עמך - בכל אשר אתה עושה", בעפאר יעדע פעולה וואס אברהם טוט איז ער מקפיד צו דערמאנען דעם אייבערשטנ'ס נאמען און בעטן: "באשעפער העלף מיר!".

'פה קדוש'

### די שלימות פון מלאך - א עדות אויף די שלימות פון די מצוה

**"וַיִּקְרָא אֵלָיו מַלְאַךְ ה' מִן הַשָּׁמַיִם... כִּי עַתָּה יָדַעְתִּי כִּי יְרֵא אֱלֹקִים אַתָּה וְלֹא חָשַׂכְתָּ אֶת בִּנְךָ אֶת יְחִידְךָ מִמֶּנִּי"** (כב יא-יב)

וויאזוי זאגט דער מלאך פאר אברהם: "ולא חשכת... ממני"? האט דען אברהם געבינדן זיין זון פארן מלאך?

ערקלערט דער **גר"א**: דער מלאך וואס האט דא גערעדט צו אברהם איז געווען דער וואס איז באשאפן געווארן פון די מצוה פון די עקידה. ווייל די מצוה איז געטון געווארן בשלימות, איז דער מלאך וואס איז באשאפן געווארן פון דעם אויך געווען מושלם מיט אלע מעלות, און דאס האט ער געזאגט: 'ממני' - ד.מ. פון דעם וואס איך בין באשאפן געווארן אויף אזא מושלם'דיגן אופן קענסטו זיך פארשטיין אז דו האסט שוין מקיים געווען די מצוה בשלימות.

'קול אליהו'

צו דעם קען מען מוסיף זיין וואס דער **רבי ר' שמעלקא פון ניקלשבורג** האט אויסגעלערנט אז א מלאך וואס ווערט באשאפן פון זאגן א ברכה איז נישט בשלימות, נאר אויב מ'האט געענטפערט אמן נאך די ברכה.

'אהל יצחק' עמ' לו




# 'אמן' לפני משורת הדין

ככלות די שלושים פון די הסתלקות פון כ"ק אדמו"ר מפיטסבורג זצוק"ל,
וועלן מיר ברענגען א טייל פון זיין באלערנדע דרשה ביי א צוזאמקום פון 'בני אמונים'
וואס איז פארגעקומען אין חודש מנ"א תשע"ו:

**עס איז באקאנט די געוואלדיגע מעלה און כח פון ענטפערן אמן. און דער טעם אויף דעם איז, ווייל ענטפערן אמן איז לשם שמים, ווייל דער וואס ענטפערט אמן האט נישט קיין פערזענליכע טובת הנאה, נאר ער זאגט עדות אז די ווערטער פונעם מברך איז אמת. אזא געשריי איז מעורר רחמי שמים און איז משפיע א שפע פון מתנות פאר די מענטשן אויף דער וועלט.**

ספר 'בני אמונים' עמ' 772

**אמן. דריי אותיות. א שפע פון השפעות טובות.**

# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר
פון דאווענען

## ברכות הודאה אויף די מצוות

### דריי ברכות - דריי מדריגות

צווישן די אלע ברכות השחר וואס זענען פארפאסט געווארן אויף די וועלטליכע זאכן, זענען אנדערשט די דריי ברכות וואס מיר לויבן אויף די גרויסע מתנה וואס הקב"ה האט אונז געשאנקען, דאס איז די תרי"ג מצוות וואס הקב"ה האט אונז מזכה געווען ברוב רחמיו וחסדיו, כדי דורך זיי זאלן מיר קענען משלים זיין אונזער נפש און זוכה זיין צו עולם הבא.

די חכמים האבן געוואלט מתקן זיין א עקסטערע הודאה אויף יעדע דרגה פון די חיוב פון די מצוות, דעריבער האבן זיי מתקן געווען די ברכות לויט די סדר; אין אנהויב: "שלא עשני גוי" וואס איז איגאנצן נישט מחויב מיט די מצוות [אויסער די שבע מצוות בני נח], נאכדעם "שלא עשני עבד" וואס איז מחויב מיט נאר אביסל מצוות, און זיין מדריגה איז וויניגער פון א איד, און אין ענדע "שלא עשני אשה" וואס איז אויך נישט מחויב מיט אלע מצוות (טור וב"י או"ח מו; אבודרהם השכמת הבוקר וברכות השחר).

### ברכות מיטן לשון 'שלא'

אסאך וואונדערן זיך: פארוואס זענען די ברכות געזאגט געווארן מיטן לשון 'ניין': **שלא** עשני גוי/עבד/אשה, און נישט מיטן לשון 'יא' אזוי ווי די אנדערע ברכות: **שעשני** ישראל/בן חורין/איש?

עס זענען דא וואס ערקלערן ווייל חז"ל זאגן (ערובין יג ב): "נח לו לאדם שלא נברא משנברא", דעריבער קען מען נישט לויבן אויף די עצם זאך 'שעשני', נאר אויף דעם וואס נאכן באשליסן מיך צו באשאפן האט ער מיר גוט'ס געטון מיט דעם וואס ער האט מיך נישט באשאפן א גוי (דרשות מהר"י מינץ, הדרוש השני).

נאך ערקלערט מען: אויב וואלטן מיר געזאגט 'שעשני ישראל', וואלטן מיר נישט געקענט זאגן די פאלגנדע ברכות: 'שעשני בן חורין' און 'שעשני איש', ווייל אין די פריערדיגע ברכה: 'שעשני ישראל' איז שוין אריינגערעכנט די משמעות פון די קומענדיגע ברכות, ווייל 'ישראל' איז א בן חורין, און נישט א עבד און א פרוי [ווייל א פרוי ווערט אנגערופן 'ישראלית']. דעריבער האט מען מתקן געווען עס זאגן מיטן לשון 'שלא', כדי מיר זאלן קענען לויבן מיט א עקסטערע ברכה אויף יעדע דרגה מער און מער אין חיוב המצוות אזוי ווי עס איז ערקלערט געווארן פריער (ב"ח שם).

נאך א הסבר אויף דעם: די באשלוס צי מ'זאל זיין א 'ישראל' איז איבערגעגעבן אין די הענט פונעם מענטש אליין, אזוי ווי די חכמים זאגן (ברכות לג ב): "הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים", דעריבער האט מען מתקן צו לויבן נאר אויף דעם 'שלא עשני גוי' ('ברכי יוסף' שם ז).

### שלא עשני גוי

אויסער די גרויסע מעלה וואס אויף דעם לויבן מיר אין די ברכה 'שלא עשני גוי', אז מיר זענען נישט באשאפן געווארן ווי גויים וואס זענען נישט מחויב מיט די תרי"ג מצוות, דארפן מיר וויסן אז א איד איז מער פון א גוי מיט זיין עצם לעבנסשטייגער. אזוי ווי דער גאון רבי ברוך בער פון קאמעניץ האט אמאל געזאגט צו איינעם פון זיינע תלמידים: "ווען איך זאג די ברכה 'שלא עשני גוי', טראכט איך נישט פונעם פראסטן גוי דער 'גאסן קערער', און אפילו נישט פונעם רייכן גוי; איך טראכט פון דעם חשוב'סטן גוי אויף דער וועלט - דער אמעריקאנער פרעזידענט! ווייל די מעלה פון א איד וואס איז מער פון א גוי איז נישט נאר מיט דעם וואס ער לערנט תורה און איז מקיים מצוות, אקעגן דער גוי וואס איז איינגעזינקען אין נארישקייטן, נאר אפילו מיט זיין לעבנסשטייגער איז ער מער פון א גוי, און ער איז איגאנצן ווי א אנדערע באשעפעניש, אזוי ווי עס שטייט (ישעיהו מג כא): 'עם זו **יצרתי לי** תהילתי יספרו'" ('דעת שרגא' חנוך עמ' קכב).

און אזוי שרייבט אויך דער בעל שו"ע הרב (או"ח מו ה): "און ער דארף אפגעבן א לויב פארן באשעפער אז ער האט נישט געמאכט זיין טייל **אזוי ווי דער חשוב'סטער פון זיי** נאר ער האט זוכה געווען דינען דעם אייבערשטן און איז נאנט צו אים מער פון אלע".

מ'דערציילט אויפן חוזה פון לובלין, אז איינמאל האבן זיינע נאנטע באמערקט אז ביים זאגן די ברכות השחר האט ער אויסגעלאזט די ברכה 'שלא עשני גוי'. נאכן דאווענען, ווען זיי האבן אים געפרעגט דערויף, האט ער ערקלערט: "היינט אינדערפריה ווען איך האב זיך אויפגעוועקט פון שלאף האב איך געמאכט א חשבון הנפש אויף מיינע מעשים, און איך בין ביי מיר איגאנצן צובראכן געווארן, אזוי ווייט אז איך האב נישט געהאט קיין כח ארויסגיין פון בעט. פלוצלינג האב איך זיך מחזק געווען אז לכל הפחות 'א איד בין איך' און איך בין חשובער פון א גוי. דאס האט מיך צוגעברענגט איך זאל ארויסשפרינגען מיט גרויס שמחה פון מיין בעט און זאגן די ברכה מיט התלהבות: 'שלא עשני גוי!' וועגן דעם האב איך יעצט אויסגעלאזט די ברכה" ('נפלאות הרבי' אות שנה).

### שלא עשני עבד

א 'עבד כנעני' איז א גוי'שער קנעכט וואס איז פארקויפט געווארן צו א איד און האט זיך מגייר געווען. אלע קנעכט ווערן אנגערופן 'כנעניים' על שם דער פסוק (בראשית ט כח): "ארור כנען עבד עבדים יהיה לאחיו" (רש"י קידושין כב ב ד"ה שדה). טראץ וואס נאכן ווערן אפגעקויפט דורך א איד איז דער 'עבד כנעני' מחוייב מיט מצוות אזוי ווי א פרוי, דאך האבן די חכמים מתקן געווען צו זאגן צוויי עקסטערע ברכות - "שלא עשני עבד" און "לא עשני אשה", ווייל די דרגה פונעם קנעכט איז וויניגער ווי א אידישע פרוי, און איז נענטער צו א גוי, ווייל ער האט נישט קיין זכות אבות און ער מעג נישט חתונה האבן מיט א אידישע טאכטער ('אבודרהם').

עס זענען דא וואס ערקלערן אז די ברכה באציט זיך נישט דוקא אויף א עבד כנעני, נאר אפילו אויף א אידישער קנעכט ['עבד-עברי'], ווייל ער קען אויך נישט מקיים זיין די מצוות ווי עס דארף צו זיין, זייענדיג משועבד צו זיין האר ('פירוש התפילות והברכות' לר"י בן יקר'). נאך זענען דא וואס שרייבן אז די ברכה קומט אונז מרמז זיין אז א מענטש זאל נישט זיין א קנעכט צו זיין נאטור און זיינע תאוות ('ספר הבתים' מצוה יג). אין ספר 'עולת תמיד' (פרק ט) שטייט, עס איז ראוי אינזין האבן ביי די ברכה אויך אויף דעם וואס הקב"ה האט אונז געראטעוועט פון די שווערע ארבעט געפונענדיג זיך אין די טמא'נע לאנד מצרים.

### די ברכה שעשני כרצונו

ביי די ברכה 'שלא עשני אשה' געבן מיר א דאנק פארן באשעפער אויף דעם וואס ער האט אונז מזכה געווען מקיים זיין די 'מצוות עשה שהזמן גרמן', וואס די פרוי איז נישט מחוייב מיט זיי, און אויסער דעם האט ער אונז אויך מזכה געווען מיט די מצוה פון לימוד התורה ('אבודרהם'; 'יסוד ושורש העבודה' שער האשמורת פ"ד).

אבער מיר דארפן וויסן אז די פרוי האט א חשובע אויפגאבע אויף דער וועלט. דעריבער אזוי ווי די מענער זאגן א ברכה און לויבן אויף די מעלות וואס זיי האבן זוכה געווען, אויך די פרויען דארפן לויבן אויף זייער מעלה. זיי האבן נאך א ספעציעלע מעלה אז די יחוס פון די קינדער זענען אנגעהאנגען אין די מאמע, ווייל ווער עס איז געבוירן צו א אידישע מאמע מיט א גוי'שער טאטע איז א איד, און דער וואס איז געבוירן צו א גוי'שע מאמע כאטש זיין טאטע איז א איד איז דאס א קינד א גוי, דעריבער האט מען מתקן געווען פאר זיי א עקסטערע ברכה: 'שעשני כרצונו' (ט"ז שם ד; 'נפש שמשון' על סידור התפילה).

עס זענען דא וואס ערקלערן די לשון הברכה 'שעשני כרצונו' אזוי: מיר טרעפן אין מדרש (ב"ר ח ג) אז בעפאר הקב"ה האט באשאפן דעם מענטש האט ער זיך אדורך גערעדט מיט די מלאכי השרת, אזוי ווי עס שטייט (בְּרֵאשִׁית א כו): "**נעשה** אדם", אבער די פרוי האט ער באשאפן מיט זיין אייגענעם ווילן. דעריבער זאגט די פרוי 'שעשני **כרצונו**', ד.מ. אזוי ווי עס איז געווען דער רצון פון הקב"ה אליין אן זיך בעראטן מיט די מלאכים ('ישועות יעקב' או"ח מו ו).

**בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי** - וואס איז נישט מחוייב מיט די תרי"ג מצוות.
**אָמֵן - אמת** אז אויף אונז ליגט צו לויבן ה' אויף דעם וואס מיר זענען נישט באשאפן געווארן ווי גוים וואס זענען נישט באפוילן געווארן מיט די מצוות.
**בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם שֶׁלֹּא עָשַׂנִי עָבֶד** כנעני, וואס זיין דרגה איז וויניגער פון א איד, און איז פטור פון די מצוות עשה שהזמן גרמן.
**אָמֵן - אמת** אז אויף אונז ליגט צו לויבן ה' אויף דעם וואס מיר זענען נישט באשאפן געווארן ווי גוי'שע קנעכט, וואס זייער דרגה איז וויינגער פון א איד, און זענען אויך נישט מחויב מיט אלע מצוות ווי א איד.
**בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם שֶׁלֹּא עָשַׂנִי אִשָּׁה** וואס איז פטור פון די מצוות עשה שהזמן גרמן.
**אָמֵן - אמת** אז אויף אונז ליגט צו לויבן ה' אויף דעם וואס מיר זענען נישט באשאפן געווארן פרויען וואס זענען נישט מחוייב מיט אלע מצוות אזוי ווי א מאן.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## די 'גאז' האט זיך געענדיגט ואנחנו נמלטנו

קלמן דער פרייליכער, אזוי האט אים יעדער אנגערופן. דער קלמן איז געווען א יונג בחור'ל, איגאנצן זעכצן יאר אלט, ווען די אונגארישע אידנטום איז נעבעך פארניכט געווארן אין ענדע פון די צווייטע וועלט'ס קריג, ווען אין לויף פון עטליכע חדשים זענען הונדערטער טויזנטער אידן פארשיקט געווארן צו די דייטשע פארניכטונג'ס לאגערן.

נישט אומזינסט האט קלמן זוכה געווען צו די ספעציעלע צונאמען, ער איז געבענטש געווארן מיט די ספעציעלע כאראקטער - דער שמייכל האט זיך שטענדיג אנגעזעהן אויף זיין געזיכט, אנגעהויבן נאך ווען ער איז געווען א פיצל קינד, פארגעזעצט אלץ יונגער בחור זיצנדיג אין בית המדרש, און אויך זייענדיג פארטריבן פון זיין ווארימע און באשיצטע הויז וואס איז געווען אין איינע פון די אונגארישע שטעטלעך, צו די פארניכטונג'ס לאגערן פון אוישוויץ.

קלמן האט נישט פארטראגן די פארכמורעטע שטימונג וואס האט ארום געגומען די וואגאנען פון די בהמות, ווען אין אזא וואגאן האט מען אים אריינגעשטופט צוזאמען מיט נאך הונדערטער אידן אויפן וועג קיין אוישוויץ. ער האט אלעס געטון אז ארום אים זאל הערשן א איינגענעמע אטמאספער. זייענדיג געבענטשט מיט א זיסע שטימע, האט ער מיט די חברים וואס זענען מיט געפארן מיט אים געזינגען פרייליכע און הארציגע לידער וואס האבן דעהויבן זייער נפש. ווען אינצווישן ווארפט ער אריין זיסע און בארואיג'נס ווערטער פאר וועמען עס האט זיך אויסגעפעלט.

די איינגענעמע געזאנגען פון קלמן איז מיטאמאל אפגעהאקט געווארן ווען די באן האט זיך אפגעשטעלט. 'מיר זענען אנגעקומען אין אוישוויץ' - איז צושפרייט געווארן די ביטערע נייעס צווישן די מענטשן אין די וואגאנען. די געשרייען פון די וועכטער און די הונט וואס האבן אינדרויסן געבילט וואס איז געהערט געווארן דורך די פארמאכטע טירן האבן געגעבן צו פארשטיין פאר דער וואס האט ביז יעצט נישט פארשטאנען, וואס עסווארט אים אפ.

עטליכע מינוט זענען אריבער ביז עס האט זיך געהערט די גרודער פון אראפ נעמען די אייזנערע קייטן און די טירן פון די וואגאנען האט זיך געעפענט. "שנעל, שנעל" - האבן די וועכטער געטריבן די רייזנדע פון די באן, ווי זיי וואלטן נישט געווען צוזאם געדריקט עטליכע טעג כמעט אן קענען רירן א גליד, "שנעל אראפגיין, און אלע פעקלעך זאל מען איבערלאזן אין זייט" - האט מען זיי געהייסן.

א געררוך פון טויט האט זיך געפילט אין די לופט. די שרעקעדיגע אויסזען פון די ביינער'דיגע מענטשן אנגעטון מיט די געשטרייפטע קליידער וואס זענען גערופן געווארן באהאנדלען די פעקלעך פון די 'נייע טראנספארט', האט אינגאנצן צוטומלט די וואס זענען אראפ פון די באן. זעט אויס אז די שמועות זענען ריכטיג - אוישוויץ גייט זיין זייער לעצטע סטאנציע אויף דער וועלט.

די נאצים האבן געטריבן די דערשראקענע אידן צו א גרויסן פלאץ אין צענטער פון לאגער, ווען צווישן זיי גייט קלמן מיט פרייליכע טריט, ווי ער וואלט יעצט שפאצירט רואיג צווישן די געסלעך אין זיין שטעטל אינמיטן א העלן טאג. זיין מויל זינגט זיך אונטער א תפילה, און פון אינצווישן זיינע ליפן קומען ארויס גוטע ווערטער וואס זענען מחזק און מוטיגן די ארומיגע.

די נאצים האבן אויסגעשטעלט די אידן אין א רייע, נעבן א נידריגע פלאטפארמע וואס איז געווען אין צענטער, ווארטנדיג אויף ד"ר מענגלע ימ"ש, וואס האט געדארפט אויסוועלן פון צווישן זיי די וואס זענען פעהיג צום ארבעטן, און די איבריגע אוועק שיקן צו די גאז-קאמערן.

די אנגעצויגנקייט איז געווען שרעליך. די שמועות האבן דערציילט אז ד"ר מענגלע באציט זיך זייער שטארק אין די הויכקייט פון די מענטשן. צוליב דעם האט יעדער איינער פון זיי פרובירט זיך אויסציעהן און אויסזען העכער. עס זענען אויך געווען אזעלכע וואס האבן אריינגעלייגט שטיינער אין זייערע שיך וועלנדיג צולייגן עטליכע סענטימעטער צו זייער הויכקייט.

די רייע פון קלמן איז אנגעקומען. ער האט זיך אוועק געשטעלט אקעגן דעם רשע ווען אויף זיין געזיכט דערקענט זיך נישט קיין שרעק, און ווען ער איז געפרעגט געווארן אויף זיין עלטער האט ער געענטפערט: "אכצן". מענגלע האט אים אנגעקוקט אומגלויבליך, ער האט אים געהייסן אריבערגיין אונטער א שטעקן וואס ער האט געהאלטן אין האנט, קלמן האט זיך פרובירט אויסציעהן מיט זיין גאנצן כח, אבער די רעזולטאט האט אים נישט צופרידן געשטעלט.

קלמן איז געפירט געווארן אויף די לינקע זייט, צו דער וועג וואס פון דעם איז קיינער נישט צוריק, ווען ער שטעלט זיך צו צו די אלטע, קראנקע און יונגע קינדער וואס זענען דארט געשטאנען פון פריער.

פון דעסוועגן זיין גייסט האט זיך נישט געבראכן. ער האט געשמייכלט צו די איינגעפאלענע און צובראכענע פנימ'ער וואס האבן אים ארום גערינגלט און האט זיי דערמאנט די מאמר פון די חכמים: "אפילו חרב חדה מונחת על צווארו של אדם אל ימנע עצמו מן הרחמים".

"לאמיר צוזאמען דאווענען אז די שלעכטע גזירה זאל בטל ווערן" - האט ער זיי אנגעטראגן, און אן צו ווארטן אויף א ענטפער האט ער אנגעהויבן זיך אונטער זינגען די באקאנטע קאפיטלעך תהלים: "שיר המעלות ממעמקים...", "שיר למעלות אשא עיני אל ההרים...", און נאך.

ווען די נאצים האבן זיי אנגעהויבן צו פירן אויף די וועג צו די גאז קאמערן, האבן זיך עטליכע צוגעשטעלט צו קלמן און האבן אויך געזאגט תהלים, ווען א פינק פון האפענונג האט זיך אנגעצינדן אין זייערע אויגן. די מארש האט פארגעזעצט און פון מאל צו מאל זיך אפגעשטעלט, לויט די געשרייען פון די וועכטער, אבער זייער דאווענען האט זיך נישט אויפגעהערט אויף א מינוט. קלמן און זיינע חברים האבן אגאנצע צייט איבערגעזאגט די קאפיטלעך תהילים ביז זיי זענען געשטאנען ביי די אריינגאנג פונעם גרויסן זאל וואס די ליגנדע טאוול וואס איז געלייגט געווארן אויף די טיר האט קיינעם נישט איינגערעדט אז אין די פלאץ גייען זיי זיך ריינגען און באדן.

די טויט האט געשוועבט העכער זייער קאפ, זייער גורל איז שוין פאראורטיילט געווארן, אבער זיי האבן נישט פארלוירן קיין האפענונג נאר ווייטער געדאוונט.

ווען עס זענען אדורך לאנגע מינוטן און מ'האט זיי נאכנישט אריינגעפירט אין די גרויסע זאל, ווען אין די זעלבע צייט האט זיך דערקענט אויף די וועכטער וואס זענען געשטעלט געווארן זיי צו היטן א געוויסע צארן, האבן די אידן פארשטאנען אז עפעס האט פאסירט... די אפיצירן האבן זיך גערדרייט אהער און אהין, שרייען צו יעדע ריכטונג, און צוביסלעך האט מען פארשטאנען די סיבה פון די אפהאלט.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז די גאז וואס האט געדארפט אנקומען האט זיך אויפגעהאלטן צוליב א אומגעראכטנע סיבה, און די נאצים האבן געמוזט אפשטעלן די מאשינען אויף עטליכע שעות, ביז די גאז וועט אנגעקומען.

דאס אומגלויבליך האט פאסירט. שווארצע לאסט-מאשינען וואס זענען אהין געברענגט געווארן האבן אריבערגעפירט די הונדערטער אידן וואס זענען שוין געשטאנען ביי די שוועל פון זייער טויט, צו אזייטיגע לאגער, אביסל ווייט פון אוישוויץ, און ביז ווען די נאצים האבן געוואלט זיי צוריק שיקן צו זייער טויט, האבן שוין ערשיינט די סאלדאטן פון דער רויטער-קרייץ אין זייער לאגער און זיי איגאנצן באפרייט.

קלמן האט זוכה געווען ארויף גיין קיין ארץ ישראל און אויפשטעלן דארטן א שיינע משפחה, ווען ביז די ענדע פון לעבן האט ער נישט אויפגעהערט צו לויבן דעם באשעפער אויף דעם וואונדערליכן נס וואס ער האט צו דעם זוכה געווען אין זכות פון די קאפיטלעך תהילים, אזוי ווי ר' קלמן פלעגט זיך אויסדרוקן: "דער 'שיר המעלות' האט מיך געראטעוועט אין די לעצטע מינוט 'ממעמקים'"

'טיב הפרשה' כי תבוא תש"פ

עיצובים shay

"בני אמונים" ת.ד. 102 בני ברק | פקס. 08-9746102 | מייל. 9139191@gmail.com | ניתן לקבל עלון זה במייל מידי שבוע